# ראדאמער-קעלצער לעבען

היינט א זייטע.

Radom, dnia 16 Listopada 1930 r.

ראדאם, כסלו תרצ״א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:

אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ'ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען
8 שפאלטען
" אין טעקסט 4


*Rózia Rajs* (Lublin) — *Marek Müller* (Radom)

**Z a r ę c z e n i**

Lublin 16 listopada 1930.

---

מזלא טבא לנכדי היקר **אלימלך מילער**
לארושיו את העלמה מרת **שושנה ריין**
יתן ד׳ שאגודת הזוג הצעיר תהי׳ מאושרה וצלחה בחיים.
**ירחמיאל מילער.**

---

Z intencji zaręczyn ukochanego kuzyna mego
**M a r k a** z p. **R ó z i ą R a j s ò w n ą**
życzę aby droga Ich szczęścia była wysłana
kwiatami miłości i zadowolenia

*Bela Holckenerówna*

---

אונזער מיטארבייטער און אדמיניסטראטאר
ה׳ מ. מ י ל ל ע ר
צו זיין פערלאבונג מיט פר״ל **ר ו ז ש א ר י י ז**
ווינשט פיל גליק און שטענדיגע צופרידענהייט.
**רעדאקציע און אדמיניסטראציע**
**„ראדאמער-קעלצער לעבען"** אין ראדאם

---

Najserdeczniejsze życzenia p. **Markowi Müllerowi**
z intencji zaręczyn Jego z panną **Rózią Rajsówną**
składa
Personel Kancelarji Gm. Wyzn. Żyd.
w R a d o m i u.

---

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז מיט'ן היינטיגען טאג האט דער
**ה׳ יהודה זילבער,** ראדאם, פילסודסקי 7
אויפגעהערט צו זיין אונזער פערטרעטער.

דער ה׳ **י ה ו ד ה ז י ל ב ע ר** איז אויף ווייטער נישט
בעפולמעכטיגט צו פערקויפען אונזערע סחורות חוץ אויך
נישט צו איינקאסירען אין אונזער נאמען די חובות.

דאנציג, 19 ליסטאפאד 1930.

גלייכצייטיג מאכען מיר בעקאנט, אז אונזער ביורא
געפינט זיך אויף **דלוגא גאס** נומער 26 אפיציגע. ערשטער שטאק.

**„AMADA" Sp. Akc.**
**i DAGOMA T.Z.O.P.**

---

א הארציגען מזל-טוב און פיעל גליק
דעם חשיב׳ען מיטארבייטער פון „ראדאמער קעלצער לעבען"
**ה׳ מ. מיללער**
צו די תנאים מיט זיין אויסדערוועהלטע פרל׳ **רוזשע ריין** פון לובלין
ווינשט
**די פערוואלטונג** פון דער **יודישער קהלה**
אין ראדאם.

---

**17** **דער קאמפף פאר׳ן סענאט דויערט ווייטער!** **17**

**נישט מיעד ווערען! ——— זונטאג דעם 23 ליסטאפאד**

**17 שטימט אלע פאר די ליסטע 17**

**פון בלאק צו פערטיידיגען די רעכט פון אידישען פאלק אין פוילען!**

פון אונזער ענערגיע און טרייהייט הענגט אב צו דערהאלטען דעם יודישען סענאטארען-מאנדאט וועלכען מיר האבען שטענדיג געהאט אין קעלצער ווייעוואדזטווא. לאזט אייך נישט פערפיהרען און זייט נישט אבהענגיג און גלייכגילטיג.

מוטיג און שטאלץ געהט מאסענווייז צו די סענאט-וואהל-אורנע און שטימט נאר פאר 17

**17** **דער ראדאמער וואהל-קאמיטעט.** **17**

# ס'איז שוין צייט!

## (וועגען א ווינטער - אַקציע פאַר אָרימע).

עס האָט געוויס געזען א איבריגע זאך ווען מען זאָל דארפען קומען און ערקלערען די נויטווענדיגקייט פון אדורכפיהרען אין אונזער שטאָדט א ווינטער-אקציע פאַר דער אָרימער יודישער בעפעלקערונג.

עס וואָלט אָהן ספק געווען גאַנץ איבריג, ווען מען זאָל קומען און ערקלערען, אז עס געפינען זיך ביי אונז אין שטאָדט הונדערטער יודישע פאַמיליעס, פון זיי א גרויסע צאָהל בכבוד'ע, וועלכע שמאכטען א גאַנץ יאָהר אין הונגער און נויט און וועלכע זענען ווינטער דאָפּעלט אומגליקליך צוליעב דער גרויזאַמער קעלט, מיט וועלכער זיי מוזען קעמפען, נישט האַבענדיג מיט וואָס אָנצופיהרען דעם קאַמף, נישט בעזיצענדיג קיין מאַטעריאָל מיט וואָס צו דערוואַרימען זייערע געפרוירענע לייבער און זייערע ענגע, נאַסע, אין קאַלטע קעלער און בוידעם-שטיבעלעך.

עס איז איבריג צו מאָלען די טרויעריגע לאַגע פון די דאָזיגע אומגליקליכע נפשות אין איהר אמת'ער שוואַרצער פארב, וואָרום יאָהר איין, יאָהר אויס ווערט ביי אונז אין שטאָדט אזא אַקציע אדורכגעפיהרט, און אז עס זאָל נישט זיין ווערען דורך איהר פיעל פאַמיליעס אונטערשטיצט אין זייער פערצווייפעלטען קאַמף.

עס איז אויך יעדען בעוואוסט, אז דאָס לעצטע יאָהר איז געווען א יאָהר פון שרעקליכען קריזיס און קוועהל, אז אין דער לעצטער צייט זענען פיעל יודישע בעל-הבית'ישע הייזער אומגעשיט געוואָרען און זייערע פרנסה-געבער זענען געוואָרען ארבייטסלאָז אָדער פרנסה'לאָז, און אויב די דאָזיגע מענשען האָבען זיך אין זומער נאָך ווי עס איז געהאָלפען אליין און געטהון אלעס מעגליכע, אז זיי זאָלען נישט דארפען אָנקומען צו פרעמדע הילף, איז אַ גרויסע פראגע צי דאָס וועט זיי געלונגען אויך אין ווינטער.

די היגע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט, וואָס פערנעמט זיך זינט עטליכע יאָהר מיט'ן זאמלען פאר זיי קויהלען און קאַרטאָפעל, (וואָס עס טהוט ספּעציעל די „עזרה) וועלען אָהן ספק היי-יאָהר אויך זייער וויכטיגע און נויטיגע אקציע אדורכפיהרען.

עס ווילט זיך זיי בלויז דערמאנען און אויפמערקזאם מאכען, אז זיי דארפען נישט ווארטען ביז דער לעצטער מינוט, ביז דער ווינטער וועט שוין זיין אָנגעקומען און די טרעסט מיט'ן שניי וועלען זיך שוין האָבען איינגעבירגערט אין די דאָזיגע אָרימע וואוינונגען, ווען די יונגע אָרימע קינדער וועלען שוין נישט האָבען מיט וואָס זיך צו שיצען פון דער פראָסט געהעריג אין שול אריין.

זאָלען דאָס די דאָזיגע געזעלשאַפטען נעמען אין אכט און זיך בעמיהען וואָס פריהער די אַקציע אדורכצופיהרען, זאָלען זיי שוין אָנהויבען די זאמלונגען צווישען דער חיגער יודישער בעפעלקערונג און זעהען, אז די שטיצע זאָל קומען צו דער ריכטיגער צייט, און דער נויטבעדערפטיגער זאָל האָבען פון איהר דעם געוואונשטען נוצען.

אין פיעל שטעדט ווערען איינגעאָרדענט ספּעציעל אויפ'ן ווינטער ביליגע קוכען, וואו דער אָרימער ארבייטסלאָזער בעקומט פאר א מינימאַלען אָבצאָהל אביסעל געקעכטס, אָדער טוועטהעלעס צו געבען א גלאָז טהעע מיט ברויט בחנם. עס וואָלט שוין צייט געווען, אז אויך ביי אונז אין שטאָדט זאָל אזא קוך געשאַפען ווערען, ווייל עס פעהלען דאָכט זיך נישט ביי אונז אזעלכע וואָס וואָלטען זיך מיט דעם דאָס לעבען דערהאַלטען.

די קהלה מאָר אויך נישט שטעהן פון ווייטען, אלע יודישע קהלות אין פוילען נעמען אנטייל אין די ווינטער-אַקציעס וואָס ווערען אין זייערע שטעדט געשאַפען און די היגע קהלה מאָר נישט זיין קיין אויסנאַהם.

זאָל מען זיך אויך נעמען די ווינטער אַקציע אדורכצופיהרען, ווייל עס איז שוין צייט.

י. פ.

Biuro Prośb i Podań
p. f. „PROLITEX"
RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

ZAŁATWIA:
Sprawy paszportowe
Mieszkaniowe
Wszelkie Tłumaczenie
i inne.

Redaguje Podania:
Do Władz Sądowych
Skarbowych
Administracyjnych
i Wojskowych.

Windykacja należności w całej Polsce.
**Informacje o zdolności kredytowej**
**Przepisywanie na maszynach.**
Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.

# דאָ וואוינט די ליסטע 88?..

### צרות פון אַ יוד, וואָס ליידט פאַר פרעמדע זינד.

א קלוגע יודענע געווען מיין שוויגער. „השמר לך פן", היט די פען. פלעגט זי טענה'ן. קלער דיך גוט איידער דו געהסט שרייבען. יאָ, גערעכט, כשר גערעכט איז זי געווען, מיין שוויגער, א ליכ.יג גן-עדן זאָל זי האָבען.

וויפיל צרות האָב איך שוין געהאַט פון דער פען. דארפון וואָס איך בין לייכט צום שרייבען. האָב איך מיט 20 יאָהר צוריק אונטערגעשריבען א תנאים האָב איך מיט א יאָהר שפעטער געהאַט צו זינגען און צו קלאָגען: איך האָב געזינגען און דער קליינער וועוריק האָט געקלאָגט... פון דעם איינעם מאָל אונטערשרייבען מיין נאָמען אויף די תנאים קאָפּע איך מיך שוין 20 יאָהר, און בין די צרה נאָך נישט פטור...

„השמר לך פן" האָט מיין שוויגער מיך געלערענט. האָט א פינגער, בענוץ איהם פסח ביים סדר צו דמען פאר א בעל-הוב צו מאכין א פייג, אָבער שרייבען — חס ושלום!...

אי, וועט איהר פרעגען: וואָס א שטייגער האָב איך צוגעלעגט צום שרייבען. ווי לאַנג גאָר, ווען דאָס „שרייבעריי" איז געווען שטאַרק אין דער מאָדע? אַ שרייב מיט די פעדער און דו האָסט בעקומען א „פעקעל", א שרייב און ס'איז ארויסגעשפרונגען א כאמאָכאָר מיט ז שאַפער, א קראַץ מיט די פעדער — א פאבריק מיט א „וואָלטפנעם" פייפער... א טונק איין די פעדער — א קאראקול-פאַלטען.

יאָ. אמת, „זכרנו את הדגה", דאָס איז אלץ אמאָל געווען, ווען פון א קראַץ מיט דער פעדער, איז ארויסגעשפרונגען א כאמאָכאָר מיט אַ „הלאָסנעם" פייפער. באַקעם איז דאָס שרייבריי אויסגעפאלען, אנדערע צייטען זענען געקומען. א צייט, וואָס טאַמער האָסטו געשריבען, זאָגט מען: „ובצל" — צייל. ברודער! און טאָמער האָסטו נישט צו „ציילען", שיקט מען דיך „אויף אָרפאָטשינעק" אין „יושב בסתר" אריין.. ווי לאַנג גאָר, ווי אך בין געזעסען אין אַ גדולה!... און אלץ צוליב וואָס? אלץ צוליב מיין שרייבען.

ווי לאַנג איך האָב געליטען פאר מיינע אייגענע זינד, איז נאָך געווען האַלבע צרות. איצט לייד איך אָבער צוליב פרעמדע זינד, און ווידער צוליב מין לייכטקייט צום שרייבען.

הערט א מעשה.

מיט עטליכע וואָכען צוריק קומט צו מיר אריין א „פשיאטשעל" מיט א פאַפיר אין דער האַנד, און בעט מיך איך זאָל אונטערשרייבען.

— יאָס איז דאָס פאר א מין „בומאַגע"? — פרעג איך.

— דאָס איז — זאָגט ער — א ליסטע.

— ליסטע? — איז מיר די זאך גענווארען קשה — וואָספערע ליסטע? א פעטיציע צום גובערנאַטאָר?

— אָט, זעהט, — ווייזט מיר דער „פשיאטשעל", דאָס איז א קאַנדידאַטען-ליסטע צום סיים. תיות, גיט ער מיר צו פערשטעהן, ווי דאָס שטיבעל וואו ער איז גבאי, שטעלט ארויס אַן אייגענע קאַנדידאַטען-ליסטע צום סיים, און היות, ווי אויף דער ליסטע דארפען זיך ליט'ן וואַהל-שלאָן-ערוך, געפינען 50 חתימות, ע"כ, בעט ער מיך, איך זאָל אויך געבען מיין חתימה.

וואָהרשיינליך, אַז די וועהלער פון יע-
נער יודישער מעהרהייט-ליסטע וועלען
צו די סענאַט-וואַהלען נישט אָבגעבען
פון זייער ליניע. מאַקע שטיצענדיג
זיך דערויף, וואָס דאַן וועלען זיי אויך
האָבען די מעהרהייט און ווייל זייענ-
דיג געטריבען פון דער האָפנונג, אַז
טאָמער וועט זיך דאָך איינגעבען צו
דערציהלען א יודישען סענאַטאָר, ווע-
לען זיי ווייטער געהן קאָנסעקווענט
אויף זייער פריהער אָנגעצייכענטען
וועג. ס'איז אויך גאַנץ מעגליך, אַז א
סך פון די אַנדערע יודישע ליסטעס
וועלען בויגען זייער פּרינציפּ צוליב
דער ערפאַהרונג, אַז זיי האָבען געהאַט
ווייניגער ביי די סיים וואַהלען און זיי
וועלען מיטגעהן דאָס מאָהל מיט'ן
רבים. עס בלייבט נאָר אין יעצטיגען פאַל
צו רעדען צו די וואַקלדיגע, צו די וואָס
זענען ביי זיך נישט פעסט. אַז זיי זאָ-
לען אָננעמען דעם כלל פון אחרי רבים
להטות, כדי נישט צו האָבען דערנאָך
אויף זייער געוויסען, אַז צוליב זיי
איז פערשפּילט געוואָרען דער יודישער
סענאַטאָר, וועלכער האָט שוין א חזקה
געוועהלט צו ווערען פון ראַדאָם
קעלץ און זייער סביבה
יעדער שכל הישר איז מחויב אָנצוערקע-
מען אַזאַ טאַקטיק, טאָקע ווען מען
נעמט אין בעטראַכט דעם רעזולטאַט
פון די סיים-וואַהלן, אָבער משמעלט זיך
די פראַגע, צי וועט דאָס זיין א מוס-
השכל?

**א וועהלער.**

רעדאַקטאָר. נישט [illegible] דעם
רעדאַקטאָר האָבען די זעלבע, וועלכע
זענען געווען בעוואָפענט מיט רעוואָל-
ווערען [illegible]
פון „סאָקאָל", וואָס געפינט זיך אויפ'ן
ערשטען שטאָק.

די „חשובים" געסט זענען נאָך נישט
געווען צופרידען און זיי האָבען גע-
מאַכט צום צווייטען מאָהל א וויזיט.
אַרום 9 אָווענד זענען זיי ווייטער גע-
קומען און אַזוי ווי דאַן איז שוין קיי-
נער נישט געווען האָבען די אָנפאַלער
אָנגעהויבען פערניכטען די איינריכטונג
און דער אַדמיניסטראַציע. זיי זענען
אָבער באַלד אָבגעטרעטען, ווייל זיי
האָבען זיך דערשראָקען פאַר די מיט-
גלידער פון האַלערטשיקעס-פעראיין
און זענען פערשוואונדען פון גאַס.

# דער 19-ער וואַהל-קרייז (ראַדאָם, קאָנסק, אָפּאָטשנאָ) אַרויסגעגעבען 7 דעפּוטאַטען.

ווי עס ווייזט זיך אַרויס לויט דער
צאָהל אָבגעגעבענע שטימען האָט דעם
גרעסטען זיעג אָבגעהאַלטען די ליסטע
נומ. 1. זי האָט בעקומען 77 טויזענד
מיט 423 שטימען און האָט אַזוי-אַרום
4 דעפּוטאַטען. די ליסטע 7 (צענטראָ-
לעוו) האָט אָנגעצייגען 45 טויזענד
מיט 294 שטימען און האָט 2 דעפּו-
טאַטען; די ליסטע 4 (ענדעקעס) —
37.758, איין דעפּוטאַט. צוזאַמען האָט
דער וואַהל-קרייז פון ראַדאָם, קאָנסק
און אָפּאָטשנע אַרויסגעגעבען 7 דע-
פּוטאַטען.

פון די צוויי יודישע ליסטעס: 17
און 18 האָט 17 געהאַט א גרעסערע
צאָהל שטימען. בלויז אין ראַדאָם האָט
זי געהאַט 3242 און דער נומ. 18 —
1892 שטימען. אויך אין די פּאָוויאַטען
קאָנסק און אָפּאָטשנאָ האָט נומער 17
געהאַט די גרעסערע צאָהל. גענוי ווי-
פיעל שטימען ביידע האָבען דאָרט גע-
האַט קאָנען מיר נאָך, בעת'ן שרייבען
די שורות, נישט פעסטשטעלען, ווייל
ס'פעהלען נאָך אויספיהרליכע ידיעות
פון דער אַרומיגער פּראָווינץ. ווי עס
זאָל אָבער נישט זיין — קיין יודישער
דעפּוטאַט איז נישטאָ.

אויף די ראַדאָמער יודישע גאַסען
איז קיין שטאַרקע אַגיטאַציע אין טאָג
פון די וואַהלען נישט געפיהרט גע-
וואָרען. דער נומער 17 און דער נו-
מער 18 האָבען צווישען זיך שוין אָך
געקעמפּפט, פערזאָגענדיג זיך, אָפּנים,
אַז דער וועהלער איז גענוג בעוואוסט-
זיניג און אָריענטירט, פאַר וועמען ער
האָט אָבצוגעבען זיין שטימע. די אַגי-
טאַטאָרען האָבען בלויז דערמאָנט. אַז
מ'בדאַרף געהן צו די וואַהלען.

אַנוועזענדיג איז געוועזען די אַגי-
טאַציע מצד דעם יודישען וואַהל-קאָ-
מיטעט ביי דער קהלה, וואָס האָט זיך
געשטעלט בעת די וואַהלען אויף דער
זייט פון דער סאַנאַציע. אַגיטירענדיג
פאַר'ן נומ. 1 האָט דער קאָמיטעט
אַרויסגעלאָזט אין גאַס לעבעדיגע
טראַנספּאַראַנטען, עס הייסט מענשען
מיט אַרומגעקלעבטע פון קאָפּ ביז פיס
מיט איינסלעך און אויפרופען צו שטי-
מען נאָר פאַר'ן נומער 1.

## ראַדאָמער יודישע פרוי געבוירען דריי קינדער

אויף קלעטשנאַ גאַס 5 האָט די יו-
דישע פרוי זלאַטע רובין געבוירען אַ
דריילינג (דריי קינדער מיט אַמאָל)

צום געבורט איז אַרויסגערופען גע-
וואָרען דער היגער בעקאַנטער אַקושער-
דאָקטאָר ה' לעווין, וועלכער האָט
א דאַנק זיין גענייטקייט און לאַנגיעה-
ריגע פּראַקטיק אָנגענומען די אַלע
דריי קינדערלעך אויפ'ן בעסטען אופן.

דער געבורט איז פאָרגעקומען זיי
פאַריגע וואָך און אַלע דריי קינדער,
ווי אויך די יונגע מוטער זענען גע-
זונד און פיהלען זיך גוט.

אינטערעסאַנט, אַז אַלע דריי קינ-
דער זענען ערשטלינגען.




## קאָנצערט פון פידעל-ווירטואָז שמעון באַקמאַן אין ראַדאָם.

אונזער בן-עיר, דער בעריהמטער
קינסטלער שמעון באַקמאַן איז לעצ-
טענס איינגעלאַדען געוואָרען אויף קאָנ-
צערטען אין א גאַנצע רייהע שטעדט
אין פּוילען. אויף זיין טורנעע וועט
ה' באַקמאַן אויך אָבשטאַטען א וויזיט
אונזער שטאָדט, און וועט אויך אונז
מהנה זיין מיט די וואונדערבאַרע טע-
נער פון זיין מתיקות'דיג פידעלע.

אונזער ליעבער שמעון באַקמאַן
קומט יעצט קיין ראַדאָם שוין אַלס
שטיק גאון און אָנערקענטער דורך
די גדולים פון דער מוזיקאַלישער
וועלט אַלס גרויסער טאַלאַנט און
קינסטלער.

זיין קאָנצערט קומט פאָר דעם 30-ען

ה. ה.

## א אָנפאַל אויף דער רעדאַקציע „סלאָוואָ"

דעם היינטיגען מאָנטאַג איז די זאָגען.
רעדאַקציע פון דער היגער פּוילישער
צייטונג „סלאָוואָ ראַדאָמסקע" בעפאַ-
לען געוואָרען פון אומבעקאַנטע בער-
אַרום 7 אין אָווענד זענען געקומען
אין רעדאַקציע עטליכע פערדעכטיגע
פערזאָנען און געפרעגט זיך אויפ'ן

הנני מביע בזה את השתתפותי בצערו העמוק של ידידי וחברי

יהודה קויפמן

במות בנו **ראובן** ז״ל

בעבודתו לטובת ובתחיית ארצנו ימצא נחומים.

אברהם ברסלר עם רעיתו.

---

צו דער חתונה פון אונזער פריינד

ליבוש מעקלער מיט פר״ל באשע קיהמאן

ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט און אייביגע צופרידענהייט.

משה צימערמאן, משה צווערמאן, טענענבוים.

---

אנו משתתפים בצערו הכבד של חברנו הנכבד

מר יהודה קויפמן

למות עליו בנו החביב **ראובן** ז״ל

לטובת ארצנו ועמנו ימצא נחומים.

הועד של **קרן היסוד**

בדדום.

---

# די שטאָדט-גאַזאָווניע

— פערקויפט —

**הורט און דעטייל**

**פּרעפּאַרירטע סמאָלע — קאַרבאָלינעאום**

**און קאָקס**

צו בעדייטענד ביליגע פּרייזן

— פיהרט אויס —

# גאַז-אינסטאַלאַציעס

**וואַננע אייוועלעך**

**קיכלעך צו קאָכען**

**אייוועלעך צו וואַרימען**

— בעשטעלונגען נעמט-אָן —

**GAZOWNIA MIEJSKA**

MŁODZIANÓW, Tel. 134 skrz. p. 28

---

Kochanej koleżance naszej **CELI**

z powodu zgonu Jej **b. p. OJCA**

serdeczne słowa współczucia

od Luli, Mani, Luby i Celi

---

בזה אנו מביעים את רגשי השתתפותנו לחברנו הנכבד

יהודה קויפמן

למות עליו בנו החביב **ראובן** ז״ל

בעבודתו הצבורית ינוחם.

מ. ל. פישמן ורעיתו.

---

**אנשטאט א עלעקטרישער לאָמפּ**

א נאַפט ברענענדער לאָמפּער שטעלט א ווידער־שטאַנד דעם ווינט אָהן א קנויט פון דער וועלט־בעריהמטער מארקע **"OPTIMUS"** ס׳קען בע־נוצט ווערען אין קאָמערן, שטאַלען, לודקעס, סקלאַ־דעס, סטאָדאָלעס, ידיו-ביידלעך, ציים בויען און גאָס-אַרבייט. רויטע ליכט עפעקט 200 און 300 H. K. שפּאָרזאם און ביליג. 1 ליטער נאַפט ברענט זיך לענגער ווי 15 שעה. עס אין דויערהאַפט און גרינג אין ווצען. די פּרייז פון 1 לאמפּער איז 75 זל. הורט-כוחרים. ראַבאַט. צבהענגיג פון די צאָל, איף פּראָווינץ שיקט מיר ארויס אייף נאכנאמע באַלד נאכן דער צאַלטען דאָס בעשטעלונג און אונגא־בע אויף אייער קאָנטאָ P.K.O. № 1439

בעשטעלונג צו שיקען

D|H S. Birnholc Warszawa Graniczna 6

ראַיאָנ פאַרשטעהער ווערען געזוכט.

---

**UŻYWAJ „GRANULKI RUSSYANA"**

ZNANY I NIEZAWODNY ŚRODEK OD

**KASZLU DUSZNOŚCI I CHRYPKI**



AP. KOWALSKI WARSZAWA

---

*Kino-Teatr Nowe Czary*

Dziś i dni następnych!

**Trujący kwiat** z Lili Damitą

II. Sensacyjny film pod tytułem **Biały Tygrys**

---

**Dlaczego przoduje wszędzie**




Dlatego, że udoskonalone

**Śniegowce i kalosze**

marki „Pepege", mimo niskiej ceny, wyróżniają się bardzo gustownem wykonaniem zewnętrznem i długo zachowują początkową wspaniałość formy i barw. Są pozatem bardzo lekkie i zawsze łatwe do włożenia.

ŻĄDAJCIE WSZĘDZIE TYLKO Z PODKOWĄ

**‹PEPEGE›**

---

# 18 אַלע יודען 18

שטימען און אגיטירען פאַר דער דער איינציגער יוד. ליסטע נומ. 18 אויף וועלכע עס פיגורירט דער געוו. סענ. רפאל שערעשעווסקי

**אַלע פאַר 18**

אלג. יוד. גאַצ. ווירטשאַפטליכער בלאָק

צום פּייס און סענאט אין ראדאָם.

אָרדענט איין אין לאָקאַל פון האנדוועקער-קלוב וואַהל 59 פאָלגענדע מאַסען וואהל - מיטינגען

פרייטאג-צו-נאכט 7 אז. אָוונד

# א מיטינג

ספּעציעל פאַר פרויען

שבת 1.30 בייטאָג

— א מאַסען —

# וואהל-מיטינג

אין מוצש״ק 7 אָוונד

**א פאַרטאהל**

# מאַסען-מיטינג

געווידמעט די סענאַט-וואַהלען

איינגאַנג נאָר געגען איינטריטס-קאַר־טען, צו באַקומען ביים איינגאַנג.

# קעלצער אבשטימונג.

## א „פערגליך".

זונטאג, דעם 23 נאָוועמבער וועלען די יודען פון דער קעלצער וואיעוואודזטווא דאַרפען צו דעצידירען וועמ'ס זאָל זיין זייער שליח-צבור, סענאַטאָר פון דער קעלצער וואיעוואודזטווא, אָדער דער איבעראל געאכטעטער, גרויסער געלעהרטער, געזעלשאפטליכער עסקן פון א ברייטער וועלט-מאַסשטאַב, הרב רובינשטיין, אָדער א קליינשטעטלדיגער יודישער „שתדלן"

מיר זענען זיכער, אז דאָס יודענטום פון דער קעלצער וואיעוואודזטווא וועט בלייבען, אַפּשאַצענדיג דאָס אויבערמאָמענטע, ארבייטען מיט דעם גרעסטען מסירת-נפש, אז ווידער זאָלען מיר האָבען דעם כבוד צו האָבען אַלס סענאַטאָר דעם שפּאַלצען יוד, הרב רובינשטיין, און דערמיט וועט זי בעווייזען, אז אונזער געזעלשאפטליך לעבען איז נאָך נישט אזוי טיעף געזונקען, דאָס וועלכע קליינשטעטלדיגע „תקיפים" זאָלען האָבען די דרייסטקייט צו רעפּרעזענטירען אין סענאט א וואיעוואודזטווא, אין וועלכע ס'וואוינען דריי הונדערט טויזענד יודען.

דעריבער זענען מיר פולשטענדיג זיכער אין דעם מצב פון די יודען פון דער קעלצער וואיעוואודזטווא און זי וועט ווייטער דעם עקזאמען אויסהאלטען. שטימענדיג איהר צוטרוי די ליסטע № 17, אויף וועלכע ס'פיגורירען אזעלכע בעקאנטע פערזענליכקייטען ווי הרב רובינשטיין, ד"ר יוסף דאווידזאָהן, רעדאַקטאָר גאָלדבערג א. א.

מיכאל.

## די סיום-וואהלען אין קעלץ.

נאָך קיינמאָהל איז אין קעלץ נישט געווען אזא שטילער פאַרוואהל-סעזאָן ווי פאר די איצטיגע סיים-וואהלען. ביז דעם לעצטען שבת איז נישט פאַרגעקומען קיין איין וואהל-מיטינג פון א יודישע ליסטע. אויך האָט מען וועהניג געזעהען אין די גאסען אגיטאַציע-מאַטעריאל און אויפרופען. אויב האָט די ליסטע 17 עפּ-יאַ געפּרובט מאַכען האָט מען אין צווישען טאָג קיין זכר נישט דערפון געזעהען

שבת האָט אין דער שטאָדטישער שוהל געפּרעדיגט הרב ראַפּאַפּאָרט פאַר די ליסטע 1. אויך האָט אין בית-המדרש-זאַגייסקי גערעדט מורה הוראה האָרנבערג, וועלכער האָט אונז געבראַכט ראיות פון זוהר, אז יעדער יוד איז מחויב צו שטימען פאַר דער ליסטע 1.

במשך דעם שבת'דיגען טאָג האָט די ציוניסטישע יוגענד בעזוכט אלע יודישע הייזער און אגיטירט פאַר דער ליסטע-17. אומעטום האָט מען ארויסגעוויזען דעם גרעסטען כבוד פאַר דער איינציגער יודישער ליסטע, אויף וועלכער עס פיגורירען די בעסטע און שענסטע פאַרשטעהער: וואָס דאָס יודישע פאָלק אין פוילען פערמאָגט.

דער זונטאָג'דיגער טאָג האָט זיך בעוויזען מיט א רעגען און עס האָט זיך דעריבער געדוכט, אז די אבסטינענץ וועט זיין גאָר א גרויסע. פון אנהויב האָט מען טאַקי ביי די וואהל-ביוראָ'ס געזעהען וועניג מענשען. שפּעטער אָבער האָט זיך די פרעקווענץ בעדייטענד פערגרעסערט. ארום 10 פריה זענען א דאַנק די אגודה'ניקעס אַרעסטירט געוואָרען אונזער מיטארבייטער ה' ל. האַדאַל און די ציוניסטישע אגיטאַטאָרען קראַקאָווסקי און רובינשטיין.

בכלל האָבען די „פעהנע" מעשים פון די „אגודה" אין זונטאג'דיגען טאָג ארויסגערופען די גרעסטע אויפרעגונג ביי דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג אין קעלץ. אלס ענטפער אויף דעם האָבען אלע געשטראָמט צו די וואהל-אורנעס און אפּגעגעבען די שטימען פאַר די ליסטע 17.

אין אלגעמיין זענען אין קעלץ אפּגעגעבען געוואָרען 2400 שטימען פאַר די ליסטע 17 און דאָס ביי זעהר גרויסע און אומנאָרמאַלע שוועריגקייטען פאַר די ציוניסטישע עסקנים. די ליסטע 18 האָט בעקומען אינגאַנצען 15 שטימען.

* * *

ווי בעוואוסט פיגורירט אין קעלצער וואיעוואודזטווע ביי די סענאַט-וואהלען אויפ'ן ערשטען אָרט פון די ליסטע 17 דער בעקאַנטער און לאַנגיעהריגער יודישער פּאָליטיקער, דער ווילנער רב רובינשטיין. די קעלצער וואיעוואודזטווע האָט שטענדיג געגעבען א יודישען סענאַט מאַנדאַט. איצט בעמיהט זיך די „אגודה" צו צוברעכען די יודישע שטימען. עס איז מעהר ווי זיכער, אז עס וועט איהר דאָס ניט געלינגען, ווייל די בעפעלקערונג וועט ווייטער מוטיג און שטאָלץ עפּפערען די יודישע תקיפים און שטימען נאָר פאַר דער ליסטע פון יודישען כבוד.

## בילדלעך און סצענעס פון זונטאַג'דיגען וואהל-טאָג.

### צוויי געגנערישע אגיטאַטאָרען

נישט ווייט פון א וואהל-ביוראָ אויף א קעלצער גאַס ציהען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט צוויי אגיטאַטאָרען. איינער אן עלטערער חסיד מיט א נומער 18 אויף דער האַנד, און נעבען איהם א בחור'ל מיט א 17 אויף דער האַנד. פיהרען די צוויי אגיטאַטאָרען צווישען זיך א העפטיגען קאַמף, דער עלטער שרייט:

— אַהיים געה, זאָג איך דיר, די שמרי'ניק. הענד און פיס וועל איך דיר צעברעכען, די הערסט ?!

און דאָס בחור'ל הערט איהם ווי דעם נעכטיגען טאָג, און רוקט כסדר 17-טעלעך.

ווער זענען עס, אלזאָ די צוויי אגיטאַטאָרען, וואָס בעקעמפען זיך אזוי ביטער ? — א טאַטע מיט א זוהן. דער טאַטע אן אגודה'ניק, און דער זוהן א ציוני.

### יאך האָב שוין...

אויף אלט-וואַרשאַווער גאַס געהט א באַבעלע, איינגעבויגען אין א שווערע פאַטשיילע איבער די אויערען. ס'בעפאַלען זי א חברה מיט נומערלעך:

— באַבעשי, אָט האָט איהר א נומער'ל. דער רבי האָט געהייסען שטימען אויף דעם נומערעל.

א צווייטער, א בחור מיט א „גזשי-" ווער רייסט זי ביים טוך:

— באַבעשי, נאָט אייך דאָס אמת'ע נומערל...

דאָס באַבעלע רייסט זיך אָבער ארויס פון דער חברה און בייזערט זיך:

— וואָס איז ס'געריס וואָס? טשעפּעט ענק אָפּ. זאָג יאך ענק — יאך האָב שוין.

דאָס באַבעלע האָט פעסט די האַנד צוגעקוועטשט, ווי זי וואָלט געהאַלטען אַן אבן טוב, און די גאַנצע צייט האָט זי געהאַלטען אין איין שרייען: יאך כ'האָב שוין...

### יודען כ'האָב 38!

ס'שטעלט זיך א יודענע:

— געוואַלד, יודען, לאָזט מיך, כ'האָב 38.

— זאָגט נישט אויס, יודענע! ווער פרעגט איהם? — בייזערט זיך א צווייטע יודענע—38, צי 28

— יודען. האָט רחמנות — שרייט ווייטער די יודענע — צ'מאַכט מיך אומגליקלעך. כ'האָב דאָך 38!

— וואָסערע ליסטע איז דאָס 38?— פרעגט מען זי— און וואָס מאַכט איהר געוואַלדען?

— וואָס ליסטע? וועלכע ליסטע?— כ'האָב 38 גראָד היץ... איך האָב א גריפּע. לאָזט מיך אויסטער דעם „אַגאַנעק"...

—ושאַן.—

לידידינו הטובים משפחת ר ו ז מ א ן
ברכותינו הלבביות
לנשואי בתם מ ל נ י ה
משפחת קירשענבוים.
קעלץ.

17 אלע יודען פון דער קעלצער וואיעוואודזטווא 17
שטימען און אגיטירען בעת די סענאַט-וואהלען פאַר דער איינציגער יודישער ליסטע
וועלכע האָט שאַנסען דורכצופיהרען א יודישען סענאַטאָר № 17

# איסוד פון וואוילשטאנד

## זענען נידריגע פרייזען פון ארטיקלען פון ערשטען געברויך.

דער יעצטיגער ווירטשאפטליכער קריזיס פאדערט א ראדיקאלע פרייזען-פערבילליגונג פון ארטיקלען פון טעגליכען געברויך. מיר ווילען געבען א מעגליכקייט יעדען בירגער איינצוקויפען א נייעם שיך. מיר ווילען געווינען נייע קונדען און גרינדען נייע אבטיילונגען.

## דעריבער פערקלענערן מיר די פרייזען אזש ביז 30 פראצענט.

אונזער גוטע כונה צוצושטעלען א גוטען שוך צו א ביליגען פרייז וועט איבערצייגען די ג. אבנעהמער, אז מיר פארדינען דעם פולסטען צוטרוי און אונטערשטיצונג. מיר גלויבען, אז מיט אונזער ביישפיעל וועלען מיר אנרעגען אויך אנדערע האנדעלס- און אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען צו פערקלענערן די פרייזען.

~~29.90~~ 24.90



א דאמען-האלבשוך פון קאלבס-באקס צושנורעוען, דער אבצאץ איז א נידריגער מיט גומי.

~~29.90~~ 24.90



א פראקטישער פאנטאפעל פון באקס. א לעדערנער אבצאץ מיט גומי.

19.90



אנ'אטלאסענער וויזיט-פאנטאפעל אין שווארצען אדער ווייסען קאליר. ווייסע פארבען מיר אויף יעדע קאליר.

~~14.90~~ 9.90



א פרונעל האלבשוך צו שנורעווען, נויטיג צום טעגליכען געברויך.

~~14.90~~ 9.90



א פרונעל טשולענקע, בעפוצט מיט א שענער קלאפערקע, גוט צו יעדער טואלעט.

3.



גומענע קאלאשלעך, פראקטיש און בעקוועם, ס'ווערט צוגעגעבען א דאמען-בייטעלע.

~~29.90~~ 24.90



א שענער אטלאסענער פאנטאפעל צו טאנצען, בעפוצט מיט זילבער-לעדער.

~~34.90~~ 29.90



וויזיטאוועער, ווייסער אטלאסענער פאנטאפעל, וועלכען מיר פארבען לויט'ן קאליר פון אייער טואלעט.

~~34.90~~ 29.90



אנ'עלעגאנטע טשולענקע פון דעליקאטען באקס אין אלע מאדערנע קאלירען.

~~34.90~~ 29.90



א טאלידער עלעגאנטער לאקיר-פאנטאפעל, פיינע בעפוצונג און א שענער אבצאץ.

~~12.90~~ 9.90



גומענע קאלאשען, נויטיג ווען ס'איז א רעגען און א בלאטע. זיי שיצען פון ערקעלטונג.

~~39.90~~ 34.90



אנ'עלעגאנטער לאקירטער וויזיט-שוך.

~~34.90~~ 29.90



א דאמען-האלבשוך פון דעליקאטען קאלבס-באקס צום טעגליכען געברויך און אויף אויספלוגען.

~~39.90~~ 34.90



אין ביורא און צו שפאצירען, די זוילען מיט א גוטער ווישצעלקע מאכען דעם שוך אומדורכנעצבאר

~~36.90~~ 34.90



יאגד-שוך פון ברוינעם דרילי-באקס מיט אן אונדורכנעצבארען צינגעל. דויערהאפטע זוילען.

## בעזוכט אונזערע מאגאזינען — שענקט אונז צוטרוי!

**POZNAŃ**, Pl. Wolności 8
**BYDGOSZCZ**, Pl. Teatralny 3
**GRUDZIĄDZ**, Rynek 12

**Bata**

**WARSZAWA**, Marszałkowska 138
**ŁÓDŹ**, Piotrkowska 87.

## אין קורצען עפענט זיך אונזערס א אבטיילונג אין ראדאם.

Redaktor Ch. M. Herc — Drukarnia Wyd. „Radomer-Kelcer Leben" Radom Sowińskiego 10.